בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן

**דֶער קוּנְטְרֵס עֶרְקְלֶערְט צוּ וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אַ אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, אוּן וִוי הַארְבּ עֶס אִיז וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן חַס וְשָׁלוֹם, מִיט גְרִינְגֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "עַיִן בְּעַיִן" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט״א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# זוֹיבֶּעֶרֶע אוֹיגֶן

## א

### וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְ׳ן מֶענְטְש?

ס׳אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט צָרוֹת, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען; מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פִיזִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען; עֶס אִיז נִישְׁט לַייכְט דוּרְכְצוּשְׁפַּאצִירְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ס׳איז אָבער יָא דָא אַ װעג װי אַזוֹי זיך צוּ מאַכן דָאס לעבן גרינגער, װי אַזוֹי זיך נישט צוּ נעמען אַזוֹי שטאַרק צוּם האַרצן, אוּן נישט זיין אַזוֹי שטאַרק צעבראָכן פוּן די אַלע שװעריקייטן װאָס מען מאַכט מיט, אוּן דער װעג איז מיט אֱמוּנָה !

װען אַ איד האָט אַ ריינע אֱמוּנָה אינעם אייבערשטן, ער װייסט אוּן ער גלייבט אַז זאכן פירן זיך נישט פוּן זיך אַליין בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, קיינער קען גאָרנישט טוּן אוֹיף דער װעלט אָן רְשׁוּת פוּנעם אייבערשטן, יעדע קליינע אוּן יעדע גרויסע זאך װאָס פּאַסירט אוֹיף דער װעלט װערט געפירט נאָר דוּרכ׳ן אייבערשטן אַליין מיט אַ געװאַלדיגע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, דאַן װערט זיין לעבן פיל גרינגער, מען װייסט אַז מען ליגט אין דעם אייבערשטנ׳ס הענט װאָס ער איז דער בַּעַל הָרַחֲמִים, אוּן אֲפִילוּ די זאכן װאָס זעען אוֹיס װי צָרוֹת אוּן

פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר פַארְ'ן טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אַן אַדְרֶעס וואוּ מֶען קֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, קֶען מֶען דָאךְ גֵיין צוּ אִים אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אַז מֶען זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אִין וָואס מֶען הָאט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, קֶען עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי צָרָה הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

ווי אַזוי קומט עס אָבער צו אַ איד אַז ער זאל האבן קשיות אויף די הייליגע אמונה? ווי קומט דאס צו אַ אידיש קינד אַז ער זאל האבן ספיקות אין די ריינע אמונה? אַ איד האט דאך אין זיך אַ הייליגע נשמה וואס איז אַ חלק אלקי ממעל, די נשמה איז אַ חלק פון הייליגן באשעפער, ווי אַזוי קען די נשמה זיך קווענקלען אין די אמת'דיגקייט פונעם אייבערשטן, ער איז דאך אַ טייל פונעם אייבערשטן אַליין?

דער תירוץ אויף דעם איז אַז דאס קומט נאר פון דעם וואס אַ איד האט זיך ליידער פארשמירט די נשמה, בעיקר מיט דעם וואס ער האט זיך נישט געהיטן די אויגן, ער האט געקוקט אויף פרעמדע פריצות'דיגע פרויען, ער האט געקוקט אויף מיאוס'ע עקלהאפטיגע בילדער, ער האט געזען שמוציגע גרויליגע ווידיאָס, און דאס האט אַרויפגעשמירט אויף זיין מוח אַ דיקער

שׂיכט פון שׁמוץ און עקל, און דאס איז וואס לאזט אים נישט טראכטן פונעם אייבערשטן.

אנשטאט וואס זיין מח זאל נאר זען דעם אייבערשטן אויף דער וועלט, ער זאל זען און פארשטיין מיט א קלארקייט אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, און אז ער ליגט אינגאנצן אינעם אייבערשטנ׳ס הענט, אז זיין שׂכל זאל זיין קלאר און לויטער און עס זאל שיינען בּיי אים די ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן אליין (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן א׳); אנשטאט דעם שׁפּילט זיך איבער אין זיין מח די אלע שמוציגע בּילדער און סצענעס וואס ער האט זיך אלץ צוזאמגעקוקט רחמנא ליצלן, און דאס איז וואס רייסט אים אוועק פונעם אייבערשטן און דערבּיטערט אים דאס לעבן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, בַּמִּדְבָּר, י"ז) "כְּשֶׁאַחֲזִיר שְׁכִינָתִי לְצִיּוֹן, אֲנִי נִגְלָה בִּכְבוֹדִי עַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְרוֹאִים אוֹתִי וְחַיִּים לְעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ"ב, ח') 'כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ', וְלֹא עוֹד אֶלָּא מַרְאִים אֶת כְּבוֹדִי זֶה לָזֶה בְּאֶצְבַּע וְאוֹמְרִים (תְּהִלִּים מ"ח, ט"ו) 'כִּי זֶה אֱלֹקִים אֱלֹקֵינוּ'", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער זֶען קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אוּן וַוייזְן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן אַז מֶען זֶעט אָפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶּער אֲפִילוּ יֶעצְט, וֶוען מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ נָאךְ אִין גָלוּת, אוֹיבּ אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, רוּט אוֹיף דִי שְׁכִינָה בַּיי אִים, עֶר קֶען שׁוֹין יֶעצְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ב, ח') "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

אַ איד וָואס פַאַרשְׁמִירְט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, הָאט עֶר זוֹיבֶּערֶע אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קֶען מִיט דִי אוֹיגְן זֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רנ"ד) אַז דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶעעֶן שְׁטֶענְדִיג גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, נָאר עֶס גֵייט דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער מֹחַ קֶען נִישְׁט אוֹיפְכַאפְּן וָואס דִי אוֹיגְן הָאבְּן גֶעזֶען. יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע אוּן זוֹיבֶּערֶע נְשָׁמָה וָואס מִיט דֶעם וָואלְט עֶר גֶעהַאט דֶער כֹּחַ צוּ קֶענֶען זֶען אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט; נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען פַאַרשְׁמִירְט זִיךְ דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא

ליצלן, און דער מענטש זעט מער נישט דעם אייבערשטן. אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות י"ב:) אויפ'ן פסוק (במדבר ט"ו, ל"ט) "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", אז איינס ברענגט דאס צווייטע, ווען מען גייט נאך די אויגן צו קוקן אויף זאכן וואס מען טאר נישט, דאן ווערט מען אריינגעשלעפט נאכצוגיין נאכ'ן הארץ און מען פאלט אריין אין כפירות און אפיקורסות רחמנא ליצלן. דאס קוקן שמוץ מאכט אז דאס הארץ זאל ווערן פארקרימט און דער מח זאל ווערן צוטומלט, מען זאל ווערן דעפרעסט און צעבראכן און אינגאנצן אויפגעבן אויפ'ן לעבן, מען זאל נישט שפירן קיין שום ספוק און געשמאק אין לעבן.

## ב

## ס׳איז דא אַ וועג אַרויס!

חז״ל זאגן (יומא ע״ד:) אויפ׳ן פּסוק (קהלת ו׳, ט׳) ״טוב מראה עינים מהלך נפש״, עס איז ערגער דאס קוקן אויף פרעמדע פרויען און אויף שמוץ, ווי דאס טון די עבירה אליין. ווייל אלעס הויבט זיך אן ביי די אויגן, ווי חז״ל זאגן (סנהדרין מ״ה.) ״אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות״, דער יצר הרע קען נישט ארבעטן אויף א מענטש, נאר נאכדעם וואס דער מענטש האט געקוקט אויף זאכן וואס מען טאר נישט. דער עיקר כח וואס דער יצר הרע האט איבער א מענטש, איז נאר דורך דעם וואס ער איז מכשיל דעם מענטש צו קוקן אויף שלעכטע זאכן. איינמאל דער מענטש פאלט אריין אינעם נעץ וואס דער יצר הרע האט אויסגעשפרייט פאר אים צו קוקן שמוץ, דאן האט אים

שוין דער יֵצֶר הָרַע בּיי זיך אין טַאש, דער מענטש וועט זיך שוין קייקלען ווייטער און ווייטער, ער וועט אַריינפַאלן אין די בּיטערע עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און אין נאך בּיטערע און הַארבּע שמוציגע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

ספּעציעל אין די היינטיגע דורות האט זיך דער יֵצֶר הָרַע גאר שטארק פארלייגט אויף דעם ענין צו מַכְשִׁיל זיין אידישע קינדער מיט קוקן שמוץ, סיי מיט דעם וואס די גוֹיִם האבן אַראפּגעווארפן פון זיך יעדע טראפּ צְנִיעוּת וואס זיי האבן נאך געהאט, זיי גייען אַנגעטון מַמָש ווי די חַיּוֹת אין וואלד, וואס דאס ציעט דאס אויג צו קוקן אויף פְּרִיצוּת, און סיי מיט שמוציגע בּילדער און מאגאזינען אין וואס מען קען ליידער זען די ערגסטע סארט שמוץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און דאס מערסטע מיט די טעלעפאנען, קאמפּיוטערס, טעבּלעטס, און

אַלע אַנדערע סאָרט מאַשינדלעך, מיט וואָס מען קען זיך באַהאַלטן דערמיט בײַ זיך אין צימער און זען דערויף דאָס ערגסטע סאָרט שמוץ וואָס געפֿונט זיך נאָר איבער די גאַנצע וועלט, פֿון איין עק ביז׳ן צווייטן, רחמנא ליצלן.

די שעדליכע תאווה צו קוקן אויף פֿרעמדע פֿרויען און אויף שמוץ איז גאָר שטאַרק, איינמאָל אַ מענטש פֿאַלט אַרײַן אין דעם איז אים שוין זייער שווער אַרויסצוקריכן דערפֿון, דאָס ציעט זייער שטאַרק דאָס האַרץ פֿונעם מענטש, און וויפֿיל מאָל ער פּרובירט זיך אָפּצולאָזן דערפֿון, פֿאַלט ער צוריק אַרײַן דערין איינמאָל און נאָכאַמאָל. אַפֿילו ווען דער מענטש כאַפּט זיך שוין אַז ער גייט נישט אויפֿ׳ן ריכטיגן וועג, די אַלע שמוץ וואָס ער קוקט ברענגט אים נישט קיין שום ניצן אין לעבן, נאָר פֿאַרקערט, עס הרג׳ט אים און עס

דערבּיטערט אים דאָס לעבּן, און דער מענטש וויל שוין באמת אויפהערן דאָס צו קוקן, ער וויל שוין אנהויבּן לעבּן אַ נאָרמאַלע פריילעכע לעבּן, וועט אים אָבער די תאווה ווייטער און ווייטער ציען זייער שטאַרק, און ער וועט ליידער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אין די בּיטערע זאַכן.

דער ציל פונעם יצר הרע איז אַז ער זאָל אַזויפיל מאָל מכשיל זיין דעם מענטש, בּיז ווען דער מענטש וועט שוין אויפגעבּן און אַריינפאַלן אין אַ יאוש, זענדיג אַז וויפיל מאָל ער פּרובּירט תשובה צו טון גייט אים דאָס נישט, ער פאַלט ווידער אַריין אין די שלעכטע זאַכן. און ווי נאָר דער מענטש פאַלט אַריין אין אַ יאוש און ער געבּט אויף, דעמאָלט האָט דער יצר הרע אים בּאַזיגט.

דער אמת איז אָבּער אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי יאוש, וויפיל אַ מענטש זאָל נאָר האָבּן געזינדיגט, איז נאָכאַלץ אייבּיג דאָ פאַר אים אַ וועג צוריק צום אייבּערשטן, ער קען אַלעמאָל אַרויסקריכן פון אַלע שלעכטע זאַכן, און ווערן אַן אמת׳דיגער ערליכער איד, אַזוי ווי דער רבּי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ע״ח) ״קיין יאוש איז גאָרנישט פאַרהאַן״, מען קען אַלעמאָל אַלעס איבּערדרייען צום גוטן.

דער הייליגער רבּי האָט פאַר אונז גרינגע און גוטע עצות ווי אַזוי מיר קענען זיך אַרויסדרייען פון פּלאָנטער, און אויבּ וועלן מיר זיך צוהערן צו זיינע עצות און פּרובּירן זיי צו פאָלגן און מקיים זיין, דאַן וועלן מיר קענען פּטור ווערן פון די אַלע שעדליכע תאוות אין וואָס מיר זענען ליידער פאַרזינקען, מיר

װעלן קענען אויסזויבּערן אונזער הארץ און נשמה, און װערן אמת׳דיג נאנט צום אייבּערשטן.

די ערשטע עצה איז צו לערנען די הייליגע תּורה, חז״ל זאגן (קדושין ל:) ״אמר הקדוש ברוך הוא, בּראתי יצר הרע, בּראתי תּורה תּבלין כּנגדו״, דער אייבּערשטער זאגט אז אפילו ער האט טאקע בּאשאפן דעם בּרענענדיגן יצר הרע װאס זיין ארבּעט איז נאר אװעקצושלעפּן דעם איד פונעם אייבּערשטן, ער װיל נאר מכשיל זיין דעם איד צו קוקן שמוץ און אים דערבּיטערן דאס לעבּן, האט דער זעלבּער בּאשעפער אבּער אויך בּאשאפן אן עצה קעגן דעם יצר הרע, װאס דאס איז די הייליגע תּורה.

אנשטאט דעם װאס דער מענטש האט זיך צוגעװאוינט צו קוקן אויף שמוציגע זאכן, אנשטאט דעם זאל ער פון יעצט אנהויבּן צו קוקן אויף די אותיות

פון די הייליגע תורה, ער זאל אנהויבן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און דאס וועט אים אויסרייניגן זיינע אויגן, זיין מח, און זיין הארץ, און אויסרייסן פון אים אלע זיינע שלעכטע געוואוינהייטן.

אפילו אין אנהויב וועט עס זיין זייער שווער; ווען די אויגן זענען שמוציג, דער מח איז פארדרייט, און דאס הארץ איז פארשטאפט, איז שווער זיך צו קאנצענטרירן אויף די הייליגע תורה, עס איז שווער צו פארשטיין די הייליגע תורה, דאס טאר אבער נישט צוריק האלטן דעם מענטש פון צו לערנען די הייליגע תורה, מען דארף כאטש זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו ווען מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און מען געדענקט גארנישט וואס מען לערנט.

װען אַ איד װעט זיך מאַכן אַ קְבִיעוּת צו זאָגן יעדן טאָג אַבּיסל חוּמש, אַבּיסל תְּהִלִּים, פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, סִימָנִים אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דַפִּים זֹהַר הַקָּדוֹשׁ און תִּקוּנֵי זֹהַר, װעט די תּוֹרָה אים אויסװאַשְׁן אינגאַנְצְן, עס װעט אים אַרויסשלעפּן פון זיינע שענדליכע און עקלדיגע געװאוינהייטן אין װאס ער ליגט שוין אַזוי לאַנג, דאָס װעט אים דערנענטערן צום אייבערשטן און אים זיס מאַכן דאָס לעבּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט).

## ג

## קום צוריק צום אייבּערשטן!

דער רבּי האָט דערציילט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) איבּער דעם ערשטן בּעטלער, דער בּלינדער בּעטלער, װאס איז בּאֱמֶת בּכְלַל נישט געװען בּלינד, נאָר װיבּאַלד ער האָט נישט געװאָלט קוקן אויף די װעלט,

עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערִיבֶּער הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר אִיז בְּלִינְד, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ וֶוען עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, וַוייל בַּיי אִים אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעוֶוען וִוי גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה צוּ וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קוּמֶען צוּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ל״ד, ט״ז) ״עֵינֵי ה׳ אֶל צַדִיקִים״, דִי צַדִיקִים הָאבְּן דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, זֵיי זֶעעֶן אוּן זֵיי שְׁפִּירְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ט״ז, ח׳)

"שִׁוִיתִי ה׳ לְנֶגְדִי תָמִיד", און דערִיבּער האבן זיי דער כֹּחַ אַרײַנצובּרענגען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינדער.

אָבֶער נִישְׁט נָאר דִי צַדִיקִים קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, נָאר יֶעדֶער אִיד קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְן; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען און צוּ שְׁפִּירְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעווּאוֹינְהֵייטְן אִיז נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה און תְּפִלָּה. דוּרְךְ תּוֹרָה וִוי פְּרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ זָאגְן און צוּ קוּקְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, און דוּרְךְ תְּפִלָּה זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס

האָרץ צום אייבּערשטן אויף די אייגענע שפּראַך, אַזוי ווי אַ קינד וויינט זיך אויס צו זיין טאַטע, און ווי אַ מענטש רעדט זיך דורך מיט זיין נאָענטער חבר.

און בּיי דעם איז ווידער די זעלבּע זאַך, אַזוי ווי דער מענטש האָט געמאַכט אַזעלכע גרויסע מחיצות צווישן זיך און דעם אייבּערשטן מיט די בּיטערע שמוציגע עבירות וואָס ער האָט געטון און געקוקט, דעריבּער וועט אים זיין זייער שווער צו שפּירן אַז דער אייבּערשטער איז מיט אים אַלעמאָל, ער וועט נישט קענען גלייבּן אַז נישט קיין חילוק וויפיל שלעכטס ער האָט אַלץ געטון האָט אים דער אייבּערשטער נאָכאַלץ ליב, דער אייבּערשטער שטייט נעבּן אים און וואַרט צו הערן פון אים אַ וואָרט, ער וואַרט און האָפט אַז דער מענטש זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין און זיך אויסרעדן דאָס האַרץ צו אים, און דאַן וועט ער אים

אָנְנֶעמֶען מִיט בְּרֵייטֶע אָרֶעמֶעס און אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אָבֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר שְׁפִּירְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר פִילְט, זָאל עֶר אָבֶער עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַּאר׳ן אֵייבֶערְשְׁטְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, עֶר זָאל אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר מַאכְט מִיט, און עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, און עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן און הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ״ג:) ״מִי שֶׁדַעְתּוֹ שְׁפֵלָה, אֵין תְּפִלָּתוֹ נִמְאֶסֶת, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים נ״א, י״ט) ׳לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה׳״, אֵיינֶער וָואס קוּמְט מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן

הַארץ צום אייבערשטן, וועט אים דער אייבערשטער קיינמאל נישט אַוועק וואַרפן. און ווי איז נאך דא אַזאַ צעבראכן הַארץ ווי אַ מענטש וואס איז ליידער דורכגעפאלן אין פגם הַבְּרית הוצאת זרע לבַטלה רַחמנא ליצלן, וואס דאס קומט נאר פון דעם וואס מען היט זיך נישט די אויגן. די עבירה מאכט דאך אַז דער מענטש זאל ווערן אַזוי שטאַרק צעבראכן און צעקלאפט און אינגאַנצן אויפגעבן אויפ׳ן לעבן. און מיט דעם וואס דער מענטש קומט און רעדט זיך אויס צום אייבערשטן מיט זיין צעבראכן הַארץ, וועט אים דער אייבערשטער זיכער נישט אַוועקוואַרפן, נאר ער וועט אים אויסהערן מיט געפיל און אים אַרויסהעלפן אין זיין פלאָנטער.

ווען אַ איד מאכט זיך אַן אמת׳ער חשבון הַנפש וואו ער הַאלט אויף דער וועלט, ער מאכט דעם חשבון ווי

ווייט ער איז שוין פאַרקראָכן און פאַרזינקען אין קוקן שמוץ, ער זעט ווי דאָס האָט אים שוין אינגאַנצן פאַרדרייט זיין קאָפּ און זיין לעבן, דאָס האָט אים אַזוי דערביטערט און צעקלאַפּט אַז ער האָט שוין נישט קיין שום מוט און ספק אין לעבן, דאַן איז זיין איינציגסטע עצה נאָר צו קומען צום אייבערשטן און זיך גוט אויסוויינען און אויסרעדן צו אים, און נאָר דער אייבערשטער אַליין וועט אים קענען אַרויסהעלפן און אים דערפרייען זיין לעבן.

## ד

## מ׳דאַרף זיך נעמען אין האַנט אַריין

חז״ל זאָגן (סוטה ט׳:) ״שמשון הלך אחר עיניו, לפיכך נקרו פלשתים את עיניו״, שמשון הגבור איז נאָכגעגאַנגען זיינע אויגן צו קוקן אויף פרעמדע פרויען, דעריבער האָבן אים די פלשתים

אויסגעשטאכן די אויגן רחמנא ליצלן. דאס איז בכלל נישט קיין קינדער שפיל, ווען א איד היט זיך נישט די אויגן, קען ער נאכדעם זייער שטארק ליידן דערפון. דער אייבערשטער איז זייער ברוגז אויף א מענטש וואס קוקט אויף שמוציגע זאכן, אויף זאכן וואס ער וויל נישט מען זאל קוקן.

חז״ל זאגן (במדבר רבה, פרשה י׳, סימן ו׳) ״פארוואס האט דער אייבערשטער געבעטן פון די אידן אז זיי זאל אים געבן די אויגן מיט די הארץ? ווייל אלעס ווענדט זיך נאר אין די צוויי, די אויגן זעען די עבירות, און דערנאך טראכט די הארץ דערפון״. נאך זאגן חז״ל (במדבר רבה, פרשה י״ז, סימן ו׳) ״הלב והעינים הם סרסורין לגוף, שהם מזנין את הגוף״, אלעס הויבט זיך אן מיט די אויגן און די הארץ, ווען א מענטש פאלט דורך צו קוקן שמוציגע זאכן, ברענגט דאס אים אז ער זאל

טְרַאכְטְן דֶערְפוּן, און פון דֶעם קוּמְט עֶר צוּ צוּ טוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ע״ב) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע לִיגְט אִין דִי בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט אַז דִי בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל אִים קָאכְן בִּיז עֶר קוּמְט צוּ צוּ פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אויבּ חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא מ״ז:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל״ג, ט״ו) ״וְעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, זֶה שֶׁאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה״, דִי הַארְבְּקֵייט פוּן קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן וֶוען זֵיי וַואשְׁן וֶועשׁ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי שְׁטַארְק צְנִיעוּת׳דִיג; וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן הַיינְט וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי אָפְּן און יֶעדֶער קֶען זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

װען אַ איד איז אָבער זוכה צו געבן זיינע אויגן און זיין הארץ צום אייבערשטן, דאן װערט ער דעם אייבערשטנ׳ס אַ מענטש, אַזוי װי חז״ל זאגן (ירושלמי ברכות, פרק א׳, הלכה ה׳) ״לבא ועינא תרין סרסורין דחטאה, אמר הקדוש ברוך הוא, יהבת לי לבא ועינא, אנא ידע כי את לי״, דער אייבערשטער זאגט פאר אַ איד: ״אויב געבסטו מיר דיין הארץ מיט דיינע אויגן, דאן ווייס איך אַז דו ביסט מיינער!״

צו דעם קען מען אָבער נאר זוכה זיין דורך די צוויי עצות פון תורה און תפלה, װען אַ איד װעט אַסאך רעדן צום אייבערשטן, און ער װעט יעדן טאג לערנען תורה, װעט ער זוכה זיין אַז ער װעט זיך קענען אָפּלאזן פון די שלעכטע געוואוינהייטן, ער װעט זיך אמת׳דיג קענען אויסרייניגן, ער װעט אָנהויבן צו שפּירן און זען

נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר וֶועט זיךְ זיס מַאכְן דָאס לֶעבְּן אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף זויבֶּערֶע אויגְן

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אויף מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אויף אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אִיד וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּץ, און הֶעלְף מִיר אַרויסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוות.

אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער פַארְשְׁמִירְט מַיינֶע אויגְן, און מִיט דֶעם מְטַמֵא גֶעוֶועז מַיין מֹחַ. אִיךְ הָאבּ זיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אויגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אויף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן און

אויף שמוציגע זאכן, און דאס האט מיר צעטומלט מיין מח, איך בין ממש אינגאנצן צעמישט און איך קען זיך נישט קיין עצה געבן אין לעבן.

הייליגער באשעפער, איך ווייס אז איך אליין בין זיך שולדיג, איך האב זיך אליין שלעכטס געטון מיט דעם וואס איך ליג שוין אין שמוץ אזויפיל טעג און יארן, און איך קען נישט ארויסקריכן דערפון. איך בין טאקע שולדיג אז איך האב זיך נישט געהיטן די אויגן, אבער יעצט אז איך האלט שוין דא איז מיר זייער שווער זיך אפצולאזן דערפון.

דו, הייליגער באשעפער, ווייסט דאך ווי שווער עס איז זיך אפצולאזן פון די שווערע תאוה פון קוקן אויף פרעמדע פרויען און אויף שמוץ, איך קען דאס נישט באוויזן אליין, נאר דו קענסט מיר העלפן, איך האב נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, קיינער אויף דער וועלט

קען מיר נישט פארשטיין און קען מיר נישט העלפן, נאר דו, הייליגער באשעפער.

איך בעט דיר, הייליגער באשעפער, האב אויף מיר רחמנות, העלף מיר אז כאטש פון יעצט זאל איך זיך נעמען אין די הענט אריין און אויפהערן קוקן שלעכטע זאכן, העלף מיר אז פון יעצט זאל איך נאר קוקן צו דיר, איך זאל נאר זען דיר, און נאר שפירן דיר.

העלף מיר, הייליגער באשעפער, אז איך זאל זוכה זיין צו האבן א קלארע און ריינע אמונה, איך זאל באמת זען און שפירן אז נאר דו פירסט די גאנצע וועלט, אז ס׳איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דיר. נעם ארויס פון מיין מח און הארץ די אלע ספיקות און קשיות וואס איך האב אויף דיר, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו האבן ישוב הדעת, איך זאל זיך אמת׳דיג איבערקלערן און וויסן וואו איך האלט אויף

דֶער וֶועלְט, אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית וַוייטֶער אַזוֹי אָנְצוּגֵיין מִיט מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן.

פוּן יֶעצְט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פוּן יֶעצְט הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן זוּיבֶּערֶע אוֹיגְן אוּן אַ זוּיבֶּערֶע מֹחַ, אִיךְ זָאל הֶערְן יֶעדְן טָאג דַיין רוּף, אִיךְ זָאל הֶערְן אוּן שְׁפִּירְן יֶעדְן טָאג וִוי דוּ רוּפְסְט מִיר, וִוי דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף מִיר. אִיךְ זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר אַלֶעמָאל, אָמֵן סֶלָה.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## ברוך מרדכי יהודה בן חיה בלומא נ"י
## וזוגתו
## גאלדא בת חנה לאה תחי'

## וילדיהם
## רבקה מירל, נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.